**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/9/2024

**גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 60 אפארדעבל דירות פאר עלטערע מענטשן אין יאנקערס**

***44 מיליאן דאלער La Mora עלטערע מענטשן דירות ברענגט נייע אפארדעבל דירות צו דרום יאנקערס אין ענערגיע-שפארנדע געביידע***

***איינוואוינער פון די 60-איינהייטן דעוועלאפמענט וועלן האבן צוטריט צו העלט קעיר סערוויסעס, היים-געברענגטע מאלצייטן און טראנספארטאציע***

***בויט זיך אויף גאווערנער'ס היסטארישע באמיאונגען אויסצוברייטערן שטיצנדע האוזינג געלעגנהייטן לענגאויס די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון La Mora עלטערע מענטשן דירות, אן אפארדעבל 60-איינהייטן, מאדערנע און זייער ענערגיע-שפארנדע געביידע אין די האלא געגנט פון דרום יאנקערס. די 44 מיליאן דאלער פראיעקט איז אנטוויקלט געווארן אין שותפות מיט די מיוניציפל האוזינג אויטאריטעט (Municipal Housing Authority) פון די סיטי אוו יאנקערס.

"La Mora עלטערע מענטשן דירות שאפט צוגענגליכע, שטיצנדע האוזינג געלעגנהייטן וואס מיר ווייסן איז אן אויפגעוויזענע סטראטעגיע אין העלפן עלטערע ניו יארקער גרייכן לאנג-טערמינענדע סטאביליטעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו מאכן אונזער סטעיט מער אפארדעבל פאר ניו יארקער, און די דירות וועלן געבן עלטערע מענטשן די געלעגנהייט צו זיין א טייל פון א לעבעדיגע קאמיוניטי וואס איז אויסגעשטעלט פאר זייערע געברויכן."

אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל געשאפן אדער פרעזערווירט 4,500 עפארדעבל היימען - אריינגערעכנט 300 פארבינדן מיט שטיצנדע סערוויסעס - אין וועסטשעסטער קאונטי. La Mora עלטערע מענטשן דירות זעצט פאר די באמיאונג און ערגענצט גאווערנאר האקול'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע האוזינג פלאן וואס וועט בויען אדער אנהאלטן 100,000 ביליגערע הייזער איבער ניו יארק, אריינרעכנדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 הייזער.

געפונענדיג זיך אין דרום יאנקערס, איז די דעוועלאפמענט געבויט געווארן אויף א ליידיגע שטח וואס איז די אייגנטום פון MHACY וואס איז אמאל געווען אנגעפולט דורך Longfellow Junior High School. די פיר-שטאקיגע געביידע האט 57 איין-שלאף צימער דירות און דריי צוויי-שלאף צימער דירות. אלע דירות וועלן זיין אפארדעבל פאר איינוואוינער פון 62 יאר און עלטער מיט איינקונפטס פון 60 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם אדער ווייניגער.

אמעניטיס רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער מיט א קאך, צוויי ביזנעס צימערן, א פיטנעס צענטער, א צענטראלע וואש צימער, WiFi לענגאויס די געביידע, סטארעדזש יוניטס, א ברייטע יארד און א דעק אויפ'ן דאך. עס זענען דא צוויי עלעוועיטערס, אן אריינגאנג מיט א באזזער, און עמערדשענסי רוף סיסטעם, א 24-שעה סעקיוריטי סיסטעם, פייער אלארמס און דיטעקטערס, עלעקטראנישע צוטריט קאנטראלס און א פארקינג לאט רעזערווירט פאר איינוואוינער.

איינוואוינער האבן אויך צוטריט צו סערוויסעס צוגעשטעלט פאר די יאנקערס אפיס פאר עלטערע (Office for the Aging), אריינגערעכנט קעיס מענעדשמענט, היים-געברענגטע מאלצייטן, הילף מיט בארעכטיגונג פראגראמען, טראנספארטאציע, געזונטהייט אויפקלערונג פראגראמען, צוטריט צו נוטרישן צענטערס, פארוויילונגס ערטער און איבונגען פראגראמען, און סופערמארקעט און פארמאסי באשטעלונג קאארדינאציע. געלטער פאר די סערוויסעס ווערן געגעבן דורך די אפיס פאר עלטערע און די וועסטשעסטער קאונטי דעפארטמענט פאר פראגראמען און סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן (Westchester County Department of Senior Programs and Services)

די דערנעבנדיגע געגנטער האבן מערערע פאבליק פארקס און א גאלף קורס, און די דעוועלפמענט איז נעבן St. Joseph's Hospital and Medical Center.

La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן איז זייער ענערגיע שפארנד, גרייכנדיג די סטאנדארטן פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט (NYSERDA) נייע בוי-ארבעט - האוזינג פראגראם דורכ'ן באקומען ENERGY STAR(R) פילע-פאמיליע נייע בוי-ארבעט סערטיפיקאציע, און זוכט צו באקומען פאסיווע הויז סערטיפיקאציע. אלע דירות וועלן ענטהאלטן נידריג-פליסנדע פלאמינג איינריכטונגען, ENERGY STAR(R) אפלייענסעס, אינדיווידואלע הויך-שפארנדע עלעקטראנישע הייצונג און קילונג סיסטעמס און LED לעקטערס. די געביידע האט א הויך-שפארנדע ענוועלאופ, דאפלטע-גלאז אינסולירטע פענסטערס, און א צענטראלע הייס וואסער הייצונג און פארשפרייטונג סיסטעם. אן עמערדזשענסי גענעראטער פארזיכערט אז די געביידע סיסטעמס בלייבן אין דינסט אויב פאסירט א קורצשלוס.

La Mora Senior Apartments ווערן דעוועלאפט צוזאמען דורך MHACY און די Mulford Corporation — א 501(c)(3) נישט-פאר-פארדינסט חסד דעוועלאפמענט קארפארעישען געעפנט דורך MHACY אין 2004.

ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג ( New York State Homes and Community Renewal) וואס גיבט געלט פאר La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן נעמט אריין 17.7 מיליאן דאלער אין פעדעראלע נידריג-פארדינסטן האוזינג שטייער קרעדיטס, א 7.9 מיליאן דאלער ערשטע מארגעדזש און 9.1 מיליאן דאלער און סובסידי. NYSERDA'ס נייע בוי-ארבעט - האוזינג פראגראם האט צוגעשטעלט $240,000 אין פראיעקט אינצענטיוון. וועסטשעסטער קאונטי האט געגעבן 3.4 מיליאן דאלער פון די האוזינג איינשטעלונג פאנד און די סיטי אוו יאנקערס האט געגעבן $650,000 אין HOME פאנדס. די MHACY שטעלט צו א 2.6 מיליאן דאלארדיגע הלוואה.

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער רוטאן וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "ס'איז אזוי צופרידנשטעלנד צו זען די 44 מיליאן דאלער דעוועלאפמענט גרייט, בלויז צוויי יאר נאכ'ן איפברעכן דער ערד. די פראיעקט ברענגט 60 אפארדעבל, ענערגיע-שפארנדע היימען צו יאנקערס און איז אן עדות אויף ווי שטארק מיר זענען מחשב און רעספעקטירן אונזערע עלטערע מענטשן. אונזער דאנק צו גאווערנער האקול, די סיטי אוו יאנקערס, MHACY און אונזערע פילע שותפים און טרעידס וואס האבן געארבעט מיט HCR דאס צו מאכן פאר א מציאות און אונז העלפן געבן די סארט האוזינג געלעגנהייטן וואס ערלויבן מער ניו יארקער וואוינען אין די קאמיוניטיס און געגנטער וואס זיי גלייכן."

**ניו יארק ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן דערברייטערט צוטריט צו נייע אפארדעבל, געזונטע און באקוועמע וואוינונגען פאר עלטערע אין יאנקערס. דורכ'ן איינריכטן ענערגיע שפארונג איינריכטונגען דורך נייע בוי-ארבעט, וועט די געביידע האבן א קלענערע קארבאן פאטפרינט, זיין מער שטאנדהאפטיג קעגן דעם קלימאט און צוגעבן צו א ריינערע, מער אנהאלטבארע קאמיוניטי."

**HUD ראיאנישע אדמיניסטרעיטער אליקע אמפרי-סאמיול האט געזאגט,** "HUD'ס הויפט מיסיע איז צו פארבעסערן מענטשן'ס לעבנס און פארשטערקערן קאמיוניטיס. La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן האבן דערגרייכט ביידע צילן. עס וועט געבן פאר עלטערע מענטשן פארזיכערטע, באקוועמע, און סאסטעינעבל האוזינג, בשעת'ן איבערראויפלעבן די דערנעבנדיגע יאנקער האלא געגנט. איך בין איבערגליקליך און שטאלץ פון HUD'ס צוגאבע אין די פינאנצירונג פון די פראיעקט און איך אפלאדיר אונזערע שותפים פאר'ן העלפן די געדארפטע און וויכטיגע האוזינג עושה פירות זיין."

**סטעיט סענעט מערהייט פירער אנדריע סטאווארט-קוזינס האט געזאגט,** "La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן וועט פארזיכערן אז מער נידריגע-איינקומפט עלטערע מענטשן אין יאנקערס האבן פארזיכערטע, סאסטעינעבל, און אפארדעבל האוזינג אפציעס אינאיינעם מיט נויטיגע סערוויסעס. די דעוועלאפמענט אדרעסירט נישט נאר די האוזינג געברויכן פון אונזער עלטערע באפעלקערונג, נאר שטעלט אויך א סטאנדארט פאר ענערגיע שפארזאמקייט און אחריות אויפ'ן סביבה. דורכ'ן איינריכטן מערסט לעצטיגע דעזיינס און בוי-ארבעט סטאנדארטן, פארזיכערן מיר אז אונזערע עלטערע מענטשן קענען הנאה האבן פון באקוועמע, פארזיכערטע, און מאדערנע היימען בשעת'ן צוגעבן צו א גרינערע צוקומפט. איך בין שטאלץ צו פירן א סטעיט סענעט וואס איז אנטשלאסן צו שאפן מער באקוועמע האוזינג, פון באשטעטיגן איבער 26 מיליאן דאלער אין סטעיט געלטער פאר די פראיעקט, ביז די היסטארישע האוזינג פלאן דורכגעפירט אין די 2025 סטעיט באדזשעט."

**אסעמבלימעמבער נעידער י. סעיעג האט געזאגט,** "לויט די שטארקע געברויך פאר אפארדעבל היימען אין אונזערע קאמיוניטיס, וועלן La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן זיין א גרויסע צוגאב צו יאנקערס. La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן, וואס האבן די קוואליטעטן פון גרייכן פאסיווע הויז אינסטיטוט סטאנדארטן און זענען אפארדעבל פאר איינוואוינער וואס זענען עלטער ווי 62 יאר, איז א צייכן פון קלוגע דעוועלאפמענטס צו העלפן פארבעסערן אונזערע קאמיוניטיס. אלס איינער וואס האט געזען די שטח פון ערד וואס La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן איז געשטאנען ליידיג פאר צענדליגע יארן, איז מיר א געוואלדיגע צופרידנהייט עס צו זען ווערן באנוצט אויף אזא פאזיטיווע פארנעם."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דשאורדש לאטימער האט געזאגט,** "מיר זענען גליקליך ענדליך צו "שניידן די בענדל" פון La Mora דירות פאר עלטערע מענטשן, א נייע אפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט אין א לאנגע נישט-גענוג-באנוצטע לאקאציע אין די האלא געגנט אוו יאנקערס. די פיר-שטאקיגע פאסיליטי וועט שאפן 60-דירות פאר איינוואוינער 62 יאר און עלטער, און איז איינער פון די איינציגסטע אפארדעבל האוזינג פראיעקטן אין די פאלק צו גרייכן פאסיווע האוזינג אינסטיטוט סטאנדארטן. מיר באדאנקן אונזערע קאלעגעס ביי NYS היימען און קאמיוניטי באנייאונג פאר'ן פארענדיגן די דעוועלאפמענט, וועלכע געבן נייע, הערליכע היימען פאר א פרייז וואס אונזערע עלטערע קענען זיך ערלויבן."

**יאנקערס מאיער מייק ספאנא האט געזאגט,** "די גרענד עפענונג פון די הערליכע נייע עלטערע מענטשן האוזינג דעוועלאפמענט איז נאר נאך א ביישפיל וויאזוי די סיטי אוו יאנקערס און די יאנקערס האוזינג אויטאריטעט ארבעט צוזאמען צו איבערראויפלעבן אונזערע געגנטער מיט נייע, קוואליטעט-געבויטע האוזינג. מיר אפלאדירן די פאסיווע הויז סאסטעינעבל דעזיין אריינגעלייגט אין די בוי-ארבעט, וועלכע איז

אויף איין בלאט מיט די סיטי'ס קלימאט קאמף פלאן פאר סאסטעינעבל וואוקס. א ספעציעלע דאנק צו אונזערע פעדעראלע, סטעיט און קאונטי שותפים פאר זייער אינוועסטירונגען אין דאס מאכן באמת א טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענט."

**פרעזידענט און CEO פון די יאנקערס האוזינג אויטאריטעט ווילסן קימבאל האט געזאגט,** "די Mulford Corporation איז מורא'דיג דאנקבאר פאר די פינאנציעלע שטיצע וואס La Mora האט באקומען ביי יעדע שטאפן פון גאווערמענט פון די סיטי, קאונטי, סטעיט און פעדעראלע גאווערמענט. ערלויבן יאנקער עלטערע מענטשן זיך צו עלטערן אין פלאץ אין די מערסטע שטאנדהאפטיגע האוזינג מעגליך איז קלאר געווען א פאראייניגטע וויזיע."

**מענעדשינג דירעקטאר, Chase Community Development Banking שארמי סאבהען האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו שטיצן Mulford Corporation און די יאנקערס האוזינג אויטאריטעט אין ברענגען 60 נייע אפארדעבל האוזינג איינהייטן צו עלטערע איינוואוינער אין יאנקערס. די פראיעקט וועט טראנספארמירן די לעבן פון טענענטס וואס האבן יעצט צוטריט צו סאסטעינעבל האוזינג, אינאיינעם מיט די נויטיגע אמעניטיס און הילפסמיטלען געדארפט צו וואקסן און בליען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן